After the First World War we were given the Balfour Declaration, though we did not suffer then as much as in the last 6 years. The Balfour Declaration was a great win not just for Zionist diplomacy, but also for the whole Jewish people. Time has taught us that no state whatsoever can be built with declarations and promises. The Balfour Declaration gave us the great constructive chance for national and social liberation. The later but official declarations of the British policy makers aimed to cut away the greater part of the Jewish people from their national aspiration, and (have their promise) be satisfied with the fraction of Jews then found in Eretz-Israel. The Jewish people saw the danger that this shameful policy contained, and with all its determination resisted the attempt to build a wall between the Jews in exile and (those) in Eretz-Israel. Often, however, our ranks are pierced and broken by our own straying. groups and parties. There were Jews who denied their national link to us; others still, by their attitude to state power and servility in politics in the countries where the Jews lived, have lost their national pride and any wider perspectives, and for years stayed passive to our effort of construction in Eretz-Israel. A part of the Jewish working class, on the other hand, fed on hatred of Zionism, preached solidarity with all other proletarians, except the farmer from Emek and workers from E-I cities then being built. They shared everyone's pain, tried to countervail all failures except those that happened in our homeland. In this way much of the people's energy was wasted in efforts hostile to the Jewish people. The tendency to shattering and the propagation of lies beset Zionist ranks, too.

But in the period of the occupation, our historical fate mashed all parties into one people, whose political, economic, and cultural bedrock was attacked with the utmost violence, a people against whom was proclaimed the most vicious and until now historically unprecedented physical extermination. Now this great catastrophe, which brought the death of one-third of our people, finally exposed to us the destructiveness of fraternal conflict and forced the remaining Jews to take the path of inter-party solidarity and common fate, despite attempts from abroad to revive the old habits amongst us.

We see only one task before us: to fight for a future that would give our weary people the assurance of a happy life. We have learned to be steadfast, patient and also prepared for hard battles. Because a country is not won with declarations and assurances from others, but by labour and blood. We have partners in our historic struggle. Hand in hand with our brothers from the (Eretz-Israel) Brigade and with the pioneering movement we will pour forth to Eretz-Israel, and there in the land of our deepest and oldest hopes restore the Jewish state.

*        *        *

## Yeshiva of the Remnant of Israel

A yeshiva has been founded in Bergen-Belsen that has a hundred students. The yeshiva possesses its own kosher kitchen and a dormitory. The administration consists of rabbi Tzvi Maisels as head of the yeshiva, rabbi Gershon Libman as director, Mr. Joel Patashevitch as secretary, and rabbi Israel Arieh Zelmanovitch as member of the management. Today in Bergen-Belsen one hears the voice of the Torah, which is the best sign that *Israel is not yet a widower* [Hebrew text]. We wish that the Yeshiva be like Yavneh after the (Roman) Destruction, a *Yavneh and her sages* after the current calamity.

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE


ענדליך באפרייט
לויט J'apres איבערגעארבעט און געצייכנט פון בערל פרידנער בעזון - בעלגן

[Full page illustration: Emaciated young man hand in hand with a child]
Caption: FREED AT LAST

[signed:] After *J'apres,* reworked and drawn by Berl Fridler Bergen-Belsen

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE



# אין דער וועלט פון ליטעראטור און קונסט.



מורא'דיק איז דער יידישער שרייבער –
רלוסט אין משך פון דער מלחמה.בלויז אין
וויעטן פארבאנד זיינען אויף די קריגס
אנטן אומגעקומען 26 יידישע שרייבער.
ער דאס איז בלויז א טייל פון דעם וואס
יידישע ליטעראטור האט פארלוירן בעת
ם קריג און בעת דער דייטשישער סאדיס-
שער אקופאציע.אין פוילן גופא האבן מיר
רלוירן מער ווי הונדערט שרייבער.מען
ופט נאך צורעכענען אנדערע יידישע קינ-
ולער-ווי שוישפילער,מוזיקער,מאלער,וואס
וגרייכט אויך ביז הונדערט און אפשר
ן מער.-אויסער די 6 אדער 7 מיליאן דער-
ורדעטע יידן,האט מען אויך פארפייניקט
ן אומגעבראכט מער ווי א העלפט יידישע
טעראטן און קינסטלער.ס'איז אן אויסטער-
שער פאל,וואס האט גאר זיין גלייכן נישט
י אנדערע פעלקער,וועלכע האבן אויך
יער שטארק און טראגיש געלעטן פון די
יסשן.

(נ.מייזל,מארגן פרייהייט)

+

+ +

דער יידישער פען-קלוב אין ניו-יארק
ט פארגעשלאגן א פלאן פון צונויפרופן
אלוועלטלעכן צוזאמענפאר,וואס זאל בא-
נדלען פראגן פון יידישער ליטעראטור
ן קולטור.

+

+ +

קרוב דריי פערטל מיליאן ביכער צוגע-
יבטע דורך די נאצי באנדיטן זיינען שוין
פונען געווארן אין פארשיידענע ערטער
ן דייטשלאנד.

+

+ +

אין ירושלימער אוניווערסיטעט זיינען
האלטן געווארן א רייע פארטראגן וועגן
הרוב געווארענע יידישע קהלות ווי:
עס,ווארשע,ווילנע,לעמבערג,פראג,ווין,
רלין,פראנקפורט אם מיין און אנדערע.
דאזיקע אפהאנדלונגען זיינען יעצט דער-
נען אין א בוך פארם אין דער „כנסת"
אס דער מוסד ביאליק געט ארויס.

+

+ +

די רעפרעזענטאנץ פון פוילישן יידנטום
ים יידישן וועלט קאנגרעס האט ארויסגע-
בן וויכטיקע היסטארישע דאקומענטן וועגן
ם יידישן קאמף אין ווארשאווער געטא,
עגן די שלאכטן אויפן שטח פון די דיי-
ישע ווארשטאטן פון טעבענס און שולץ.
זאמלונג אנטהאלט אויך זכרונות פון א
-צן ערק יידיש יינגעלע געשריבן אין

אפריל 1944.

+

+ +

אין 1942 איז די יידישע ליטערארישע וועלט איבערגערודערט געווארן צוליבן בוך פון דעם גרויסן יידישן שריפטשטעלער שלום אש א.נ.„דער מאן פון נאזארעט".דאס בוך האט ארויסגעגעבן אין ענגליש די פראטעסטאנטישע קירכע.דאס ווערק אנטהאלט 800 זייטן אויף וועלכע שלום אש שטעלט פאר די פערזאן פון ישו הנוצרי און די יידישע און רוימישע געזעלשאפט פון זיין צייט.

+

+ +

אין עלטער פון 54 יאר איז אין האליווד נאך יארן פון שווערע וואגלענישן און וואנדערונגען פון לאנד צו לאנד געשטארבן דער באקאנטער יידיש-טשעכישער שריפטשטעלער פראנץ ווערפעל,וועלכער האט געהערט צו די מוטיקסטע אייראפעישע קעמפער קעגן היטלעריזם און פאשיזם.טראץ דעם וואס דער פארשטארבענער שריפטשטעלער איז געווען מער טשעך ווי ייד האט ער דאך אין זיינע ווערק געשריבן מיט טיפע אכטונג וועגן יידישן גורל.שוין אין זיינע ערשטע ווערק האט ער געפריידיקט פעלקער פארברידערונג.אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האלט ער איינינקע פארטראגן אין לייפציקער אוניווערזיטעט.זיין וויסנשאפטלעכע ארבעט ווערט איבערגעריסן ווען ער איז אריין אין דער עסטרייכישער ארמיי.נאך דער מלחמה באזעצט ער זיך אין ווין ווו ער באגינט צו שרייבן נאר נאוועלן.ווען די ברוינע היטלעריסטישע באנדעס פארנעמען עסטרייך טראגט זיך דער דיכטער אריבער נאך פאריז און פון דא דורך בארצעלאנע,ליזאבאן קומט ער אין די פאראייניקטע שטאטן.פראנץ ווערפעל פארנעמט א באדייטנדיקן פלאץ אין דער וועלט ליטעראטור.זיין שאפן איז דורכגעדרונגען מיט א מיסטיש רעליגיעזן גלויבן און מיט א טיפער ליבע צו אלע מענטשן אויף דער וועלט.
(דער טאג-ניו יארק)

+

+ +

דער ייווא אין ניו-יארק איז צוגעטרעטן צו שאפן א מוזיי פון די אלטע היימען וואס דארף ארומנעמען אלץ וואס שפיגלט אפ דאס לעבן פון די יידישע קבוצים אין מזרח אייראפע.

JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

## In the World of Literature

The loss of Jewish writers during the war is frightful. Only in the Soviet Union did 26 Jewish writers die on the war fronts. But that is only a fraction of those whom Jewish literature lost during the war and the sadistic German occupation. In Poland alone we lost over 100 writers. We must add other Jewish artists, such as actors, musicians, painters, who also come to 100 or maybe more. Beside the 6 or 7 million murdered Jews, more than a half of (all) Jewish literary figures and artists. It is a bizarre case that has no equal among the other peoples, who also suffered greatly and tragically under the Germans.

(N[achman] Maisil, *Morgn Freiheit* [New York])

* * *

The Jewish Pen-Club in New York has proposed a plan to convene a world-wide gathering that would consider questions concerning Jewish literature and culture.

* * *

Nearly three-quarters of a million books plundered by the Nazi bandits have already been found in various locations in Germany.

* * *

A series of lectures were presented at the University of Jerusalem about the destroyed Jewish communities, such as: Odessa, Warsaw, Vilna, Lemberg, Prague, Vienna, Berlin, Frankfurt-am-Main and others. These articles have now appeared in book form in "Knesset" that the Bialik Institute publishes.

* * *

The representatives of Polish Jewry at the Jewish World Congress have brought out important historical documents about the Jewish fight in the Warsaw Ghetto, about the battles (there) at the sites of the German Többens and Schultz factories. The collection contains also the memoir of a thirteen year old Jewish boy, written in April 1944.

* * *

In 1942 the Jewish literary world was stirred up over the book by the great Jewish writer Sholem Asch, entitled "The Man From Nazareth". The book was published in English by the Protestant Church. It is a work of some 800 pages in which Sholem Asch presents the personality of Jesus the Nazarene and the Jewish and Roman society of his time.

* * *

The well-known Jewish-Czech writer, Franz Werfel, who was one of most courageous European opponents of Hitlerism and Fascism, died in Hollywood at the age of 54 after years of arduous migrations and wanderings. Despite the fact that the late novelist was more Czech than Jewish, in his works he wrote with deep respect about the fate of Jews. In his very first works he championed brotherliness among peoples. During the First World War he gave several lectures at the University of Leipzig. His scientific work was interrupted when he went into the Austrian Army. After the war he settled in Vienna where he began writing only novels. When the brown-shirt Hitlerian gangs seized Austria, Werfel moved to Paris and from there via Barcelona and Lisbon he came to the United States. Franz Werfel holds an important place in world literature. His creative work is suffused with a mystical religious faith and with a deep love of all people in the world.

(Der Tog (The Day [Yiddish daily newspaper]), New York.

* * *

The YIVO in New York has begun the creation of a museum of the old homes that should include everything that reflects the life of Jewish communities in Eastern Europe.

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

מאיר גוטמאן

## מיטן קאפ אין וואנט.

עס גלוסט זיך אמאל
אזוי נישט מיר נישט דיר
א שפרונג צו געבן אין חלל פון דער וועלט
און נישט צו ווערן,
צו זיין אזוי א שטיגער
א רואה ואינו נראה
ווייל די וועלט פאר מיר
האט שוין קיין באדייט,
טערמינען בלויז אזעלכע
ארט און צייט,
א טעמע פאר פילאזאפן,
פאר דיכטער און פאעטן,
פאר קליינע און גרויסע
ווער ניכטער שרייבט סאנעטן
און ווער נאך א כוסה
אויף מיר א שטייגער
רוט די שכינה
איינע פון די מוזן
נישט ווען שופרות בלאזן
נאר ביי אליקוי חמה און לבנה,
ווען כ'הער וויינען
א יתום, אן אלמנה,
אדער ווען עגלות מיט מתים
ציען זיך ווי שווארצע שלאנגען.
און ס'יאמערן, וויינען.
נישט געדאכט פאר קיינעם,
דערוואקסענע מענער, זקנים
מיט איכה געזאנגען.
פראסט כ'האב ליב ווען שטערן פאלן.
כ'האב נישט ליב
קיין פעלדער, וועלדער,
גלעסנדיקע זונען שטראלן,
כ'מוז ליבן אדער האסן.
אין ערגסטן פאל
באריקאדן אויף די גאסן
ס'פליען שטיינער, פלאשן
שפייערס ציט מען פון די טאשן,
קולות ווילדע פראלן, שאלן.
מענטשן זעלנער אין א קנויל.
פשוט ס'איז צום גראם א גרויל.
ען! פשיא קרעוו
גלוסט זיך אזוי אמאל
א שפרונג צו געבן,
און אויפהויבן זיך
איבער וועלט און לעבן
פשוט נישט צו ווערן.
וועמען נוצן מיינע לידער?
וועמען רירן דען שוין טרערן?
אז בערג טויטע ליגן
ווי די זעלנער אין א ריי.
גיט דען עמעץ א געשריי?
ס'טשעפעט שוין ווי דעם קאטער,
אז דו גיסט נישט
א בריקע מיטן פוס,
ביזטו א פיינער מענטש און פטור.
הענט, פיס, גלידער, קעפ
קוילן, באמבעס, האנט-גראנאטן,
מאכט מען מיט דער האנט אוועק.
ען! א רוח אין טאטנס טאטן,
וויגט זיך ערד, פלאצן הימלען,
לעבעדיק מענטשן פוילן, שימלען,
ליגן, גוססן ווי א פלאץ,

Meyer Gutman — Futility [lit: 'Head against the Wall']

Sometimes I get the urge
Willy nilly just like that
To leap into the void of the world
And to disappear
To be let us say
An invisibility
Because the world for me
No longer holds meaning,
Just terminology such as
Space and time,
A subject for philosophers,
For writers and poets,
Both minor and major
The sober write sonnets,
And whoever's had a glass
On me for example
Rests the Divine Presence
One of the Muses
Not for when the Ram's Horns blare
But at an eclipse – sun or moon,
When I hear them sobbing
An orphan, a widow,
Or when the wagons with the dead
Crawl along like black snakes.
And they weep and cry,
It shouldn't happen to anyone,
Grown men, greybeards
With chants from Lamentations.
Plain talk, I like when stars are falling,
I don't like
Fields, forests,
Caressing sun beams,
I must love or hate,
In the worst case
Barricades in the streets [rhyming couplets begin]
Stones fly, bottles
They're pulling guns from pockets,
Wild shouts reverberate, roar,
People soldiers in a knot,
Horror is the rhyme for that.
Aw! To hell with it,
Sometimes one just wishes
To do a leap,
And soar above worlds and life
Simply no longer be.
Who, pray, needs my poems?
Who now is moved by tears?
When heaps of the dead lie laid out
Like soldiers in a row,
Does anybody even shout?
Passed by, no one's bothered,
If you don't deliver
A jerk with your foot,
You're a fine sort and done with.
Hands, feet, limbs, heads
Bullets, bombs, hand grenades,
They're just waved away.
Aw! The devil takes it all in spades.
The earth rocks, skies burst,
Still living people rot, molder,
Lie there dying, anyplace, wherever,
It troubles no more than a shrug,

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

ס'ארט שוין ווי די קאץ,
טאטע,מאמע,ווייב און קינד
סיי-ווי אוועק אין שטורעם ווינט.
גלויבט מיר,כ'ווייס נישט אין וועמענס זינד
ס'דארף מן-הסתם אזוי זיין,
כ'בין שוין שכור נישט פון וויין,
כ'שטיל מיין דורשט מיט בעכערס גאל,
כ'פלי משוגע אין כף-הקלע,
ס'העלפט קיין וויינען,
ס'העלפט קיין טרערן,
מ'קאן צעפלאצט נאר ווערן,
ברענען זיך אויף גהינום פייער,
פארשווערכן אלץ,וואס הייליק,טייער,
וואס מיר גאט,ווען מיר הימל.
ס'איז אלץ בלויז שטויב און שימל,
איך גיי אזוי אין קאראהאד,
און רייס אראפ סוד נאך סוד,
נאר ס'טרעפט אמאל א פארנאכט,
זון פארגייט אין מעריב שטיל,
ציטערט אויף א געפיל,
בוימער שטייען שטיל און שא,
שטערן פאלן עד בלי די,
ס'וויקלט דיך נאכט ארום,
ס'איז די וועלט טויב און שטום,
טראכסט אין דיר טיף אריין,
דערהערסטו פלוצלינג א געוויין.
ווייסטו ווער עס וויינט?
דאס וויינט אין דיר
ס'געוויבטע לעבן,
ס'זיפצט דערשטיקטע פרייד,
ס'האט מן-הסתם א נאענטע
דיך פארלאזט,
נישט געזעגנט,נישט געשיידט
מיט א לעצטן קוש נישט באגלייט,
קיין טיכל ווייס האט נישט געפלאטערט,
אונטערן מערדערס פלייצע נאר,
א בליק געגנב'עט און געפטר'ט,
און מיט א ביקס א שטויס אין נאקן,
און א שפרונג קרייץ און האקן.
וואס דארף מען א סך בראיען
צווישן אונדז גערעדט,
צו וואס דען שרייען,
אז מען האט אונדז לעבעדיק
געפרעגלט אויף א פייער פאן,
און אויב עס איז א גאט פאראן,
איז מיטן קאפ אין וואנט.
נישט מיין נאר זיין שאנד.
א גאט אזא פון נקמה?
מיט פיצלעך קינדער געפירט מלחמה?
א גאנץ פאלק אומגעברענגט,
ווייבער,מענער,זקנים,קינדער,
געשאכטן עופה'לעך ווי טויבן,
און געקוילעט אלטע ווי רינדער,
איז דאך ביאליק דער גערעכטער,
פאר א גאנץ פארטיליקט פאלק
איז קיין נקמה נישט דא פארן שעכטער!
ואם יש צדק יופיע מיד
און די גערעכטיקייט האט דערשיינט
מיט א געשאכטענעם נעכטן,
און א דערמארדעטן היינט.
און מיט דעם מארגן
מעג די וועלט ווערן דערווארגן.
דעם נעכטן קאן איך נישט פארגעסן,
ער האט מיך ווי א דבוק באזעסן,
אויך דער היינט
געהערט צום פיינט.

BPJ JPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

Mother, father, wife and child
Anyhow gone into the whirlwind.
Believe me, I don't know for whose sins
It maybe must be this way,
I am drunk but not from tears,
I quench my thirst with cups of gall,
I fly insane, the pilot gone,
No help in weeping,
No help in tears,
I can just burst apart,
Consume myself in hell's fire,
Desecrate all that's sacred, loved,
What God, what? Where's Heaven?
All is just dust and mold,
So I go round and round,
Tearing down each sacred thing,
But sometime an evening just happens,
The sun sinks down quiet in the west,
A feeling flutters, wells up
The trees stand silent, still,
Stars fall without let or end,
The night enshrouds you,
And the world is deaf and dumb,
Your thinking sinks deep inside,
Suddenly you hear a lament.
Do you know who is crying?
Inside you weeps
Your stolen life,
Sighs the strangled happiness.
Maybe someone close
Left you, went off
With no farewell, no parting,
Not seen out with a last kiss,
No white kerchief fluttering,
But behind the killer's back,
One look was stolen, then gone,
And a gun-butt whack in the neck,
And a spell cast, the crooked cross.
But who needs a long palaver?–
Speaking under four eyes,
To what end our screaming
If they fried us alive on a fire pan,
And if there is a God to be found
Then take a head bang on the wall.
It's his shame not mine!
Some God of vengeance this is?
Waged war against little children?
Killed of an entire people,
Women, men, the aged, children,
Slaughtered newborns like doves,
And butchered the old like cattle.
So Bialik after all was right,
For a whole annihilated people
No vengeance suffices for the killer!
'And if there is justice, it will promptly appear'.
And Justice has appeared
With a slaughtered yesterday
And a murdered today.
And as for tomorrow,
Let the world choke on it.
I cannot forget my yesterday,
It has possessed me like a dibbuk,
And today too
Belongs to the enemy.
Hence I curse tomorrow

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

דערפאר שעלט איך דעם מארגן
ער זאל מיט דער וועלט
ווערן דערשטיקט און דערווארגן,
און מיט מיר צוזאמען
ברענען אין גהינום'דיקע פלאמען,
ווייל וואס וועט שוין העלפן,
זיפצן,קלאגן,וויינען,אכן,
זאל אלץ ווערן ראד געבראכן,
כ'האב פיינט רחמנות,
אויף פיין און טרערן
זאלן אלע קללות מקוים ווערן,
מיט דער תוכחה וואס איך שעלט,
אויב פאלש אזוי קאן זיין א וועלט,
גיסט ארמאטן,פאנצער-צוגן,
ארמאטן-פליש פירט אויף באנען,
אויף היראשימו און נאגאסאקי,
באמבעס ווארפט פון עראפלאנען,
נישט דא ווער ס'זאל כיכן,לאכן,
מיר פארשטייען אזעלכע זאכן,
אלע שרייען אין גאס גאמען,
אונפארשעמטע הינטישע זאמען,
רופן צו הילף אויך דעם יושר,
נאר אז ס'איז א שעת-הכושר,
שטינקט נישט געלד גאר עס שמעקט,
אויף יעדער שפראך און דיאלעקט,
לאכט נישט,זייט נאר שטיל שא,
יאפאנס באמבעס ארבעט אויס
    או    עס  א.
קוילן,ביקסן,טאנקס,גראנאטן
ס'ווערן פעט וועלט-מאגנאטן,
שאכט מען אויפ איין מדינה,
ס'איז א באנדע פון איין מלינה.
אפגעצאפט דאס בלוט אינגאנצן,
שווארצע פראקעס אויף בעלער טאנצן,
אין קאראהאד גייען שדים רוחות,
ווי מאראדערן וואס לעבן
פון בלוטיקע זאוויערוכעס.
און מיט קאכאנקעס אין ווייכע בעטן,
כיכן,הירזשן,לאכן,שפעטן
אוי די יאלדן קאן מען טשאקן,
לאזן זיך אַ טשיניק האקן,
כי כי כא כא כא.
אוי א העצע מיט די לייט.

..........................................
לאכט,לאכט,ס'ווערט שוין גרייט
קומען וועט באלד די צייט,
איר וועט פלוצלינג דערזעען אייערע צורות,
פארקרימטע פון שרעק.
מיר וועלן נישט זיך לאזן שעכטן סתם
באדן זיך אין טרערן בלוטיקן ים.
געדענקט מערדער,געדענקט
ס'וועט איך נישט זיין געשענקט!
מיר געדענקען דאס גוט,
און וועלן נעמען נקמה,
פאר אונדזער בלוט!

BPJ JPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

May it and the world
Be throttled and choked,
And together with me
Burn in hellish flames,
Because what help can there be,
In sighing, lamenting, crying, groaning,
Let everything be utterly broken,
I despise pity,
For pain and tears
Let all the curses come to be
That I cast with Deuteronomy,
If the world can be this false,
Builds cannon, armoured columns,
Gun fodder shipped on trains,
On Hiroshima and Nagasaki
Bombs thrown from aeroplanes,
There is no one to giggle, laugh,
That we understand such things,
Everyone shouting in God's name,
Brazen offspring of dogs
Also call Justice to their aid,
But if the moment demands it,
Money does not stink, it's fragrant
In every language and dialect.
Don't laugh, quiet be, quiet stay
Japan's bombs are made in
U S A.
Bullets, rifles, tanks, grenades
The world's magnates grow fat,
They have one country mined out,
Done by one gang from the nest,
Having drained it of its blood,
Black tuxedos dance at balls,
Roundabout go demons, devils
Like marauders who live
Off savage blizzards.
And in soft beds with their mistresses
They giggle, whinny, laugh, mock
Oh those ninnies can be gulled,
They let themselves be fed humbug,
Hee hee hee Ha ha ha
What a baiting these folk take.

* * * *

Go on, laugh, it's being readied
The time will soon be coming when,
You will suddenly see your own faces
Contorted in fear.
We won't be slaughtered just like that
Bathe in a tear filled sea.
Remember murderers, remember,
You will not be forgiven!
We remember that well,
We will take revenge
For our blood!

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

זאמי פעדער

# איך בין א שאטן.

מיין חבר'טע סאניע-א מתנה.

איך בין א שאטן אויף דער וועלט,
עס רייצט מיך קיין פארגניגן,קיין געלט.
קיין בוך נישט לעזן איך וויל,
כ'גלויב נישט אין גאט,
כ'דאוון נישט אין דער שטיל,
כ'וויס אפילו נישט סארא תפילה כ'דארף זאגן,
סארא קינות כ'זאל וויינען און קלאגן,
סארא קדיש כ'זאל פריער זאגן,
אז אלץ איז טויט און טויט איז פאר מיר דער מארגן.

ווי א שאטן ליג איך דא אויפן בעט,
מיין מאן,וואלט ער מיך כאטש גע'גט,
און ער זאל זיין פריי,
פריי פון ווייב און קינד,
אז איך האב קיין היים,קיין געזונד,
קיין שוועסטער,קיין ברודער,קיין טאטן,קיין מאמען,
אז פארברענט האט מען זיי אלע בייזאמען
און איך אליין בין קראנק אזוי,אזוי...

כ'קאן נישט וויינען,נישט לאכן,
א סוף וואלט איך וועלן פון מיר מאכן,
ווייל אפילו דעם שמייכל פון מיין פארברענט קינד
האב איך פארגעסן.
און אזוי גייען אומעטיק די מעת-לעת'ן,
אומעטיק די טעג און די נעכט ,
און איך ווארט נישט אויף דעם מארגן,
ווייל ווי א מורא'דיקער סוד איז פאר מיר אלץ פארבארגן.
אסך מאל וואלט איך וועלן רופן,שרייען,
פארשעלטן די וועלט,
האב איך דאך קיין כח ,
אז אלץ איז אזוי טונקל
פון שאטנס פארשטעלט.

געהאפט האב איך אמאל,
ס'וועט קומען דער מארגן
פון באפרייען די וועלט,
און ווי עס איז געווען,
וועט ווערן אלץ צוריקגעשטעלט.
דעם טאטן,די מאמען,דאס קינד
אלע וועל איך זיי ווידער זען
און דאן זאל געשען וואס וועט געשען.

BPJPL JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

Sami Feder

For my friend Sonya – a gift

## I Am  A Shadow

I am a shadow in the world,
No pleasure tempts, nor money.
There's no book I want to read,
I have no faith in God,
I practice no silent devotions,
I don't even know which prayer to say,
Which Lamentations I should weep and wail,
Which prayer for the dead I say first,
As all is dead and death is my tomorrow.

Like a shadow I lie here upon the bed,
My husband, would that he'd divorced me
And he should be free,
Free of wife and child,
For I have no home, no household,
No sister, no brother, no father, no mother,
For they were all burned up together
And I myself am sick, so sick...

I cannot cry, nor laugh,
I would like to bring finis to me,
For even the smile of my incinerated child
I have forgotten.
And thus the twenty-four hours move sadly by,
Sad the days, sad the nights,
And I don't await the morning,
For like some fearful secret all is hidden from me.
Many times I'd like to call out, scream,
Pour curses on the world,
But then, I have no strength,
As everything is so dark
Obscured by shadows.

Once I hoped
The morning would arrive
For freeing the world,
And just as things once were,
All would be restored.
My father, my mother, my child
I would see them all again
And then let happen what will happen.

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

און איך וועל פארגעסן ,וואס די דייטשן האבן מיר געטאן,
א פאר קרבנות-פארפאלן
זאלן מיר זיי לאזן רוען.
אבער אז אלץ איז טויט,געהרג'עט און פארברענט
און אפילו די טויטע האבן זיי געשענדט,
מיך אליין פאר א שאטן געמאכט
פון מיין אומגליק נאך געשפאט און געלאכט...
אָ,איך פארשעלט זייער געביין ,
קלינגען זאל זיי אין די אויערן דאס דאזיקע קינדער געוויין,
דאס קרעכצן פון די טאטע-מאמעס ,
דאס קריצן מיט די ציין ,
דאס געשריי פון די מיידלעך ,
וואס זיי האבן געשענדט,
דערנאך פארסמ'ט,איף שייטערהויפנס פארברענט,
און מיך פאר א שאטן געמאכט.

אבער אלס שאטן וועל איך זיי באגלייטן
בייטאג און ביינאכט.



דעקאָראַציע צום „שאָטן" פון נאָמי פעדער
רעציטירט דורך די ה' סאָניע באָטשקאָווסקאַ
אויף א פאָרשטעלונג פון דער "י.ד.דואם.-סטודיע
אין בערגן-בעלזן.
ב.פ.

And I will forget what the Germans did to me,
A few victims – what's done is done –
Let them rest in peace.
But when everything is dead, murdered and burned
And they outraged even the dead,
Made a shadow of me
And laughed and mocked my calamity...
Oh, I damn and curse their very bones
The children's wailing should ring in their ears,
The groans of fathers, mothers,
The grinding of teeth,
The screaming of the girls
Whom they raped,
Then poisoned, then burned on pyres,
And made a shadow of me.

But as a shadow I shall attend them
By day and by night.

[illustration: an outstretched shadow; entitled: decoration to "Shadow" by Sami Feder,
[recited by friend Sonia Bochkowska at a presentation by the Jewish Dramatic Studio
in Bergen-Belsen. Signed 'B(erl) F(ridler)']

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

משה סאנעק.

# נאכן שטורם.

שוין א גאנץ יאר אוועק
זייט איך האב דיך לאדז פארלאזט,
און כ'בין אלץ נאך אין מיט וועג,
איינזאם,עלענד און פארלאזט.
אויסגעווארצלט,אויסגעריסן
ווי א בוים פון שטורעם ווינט,
ס'איז מיין לעבן ווילד צעריסן,
שטארק צעפרעסן ווי דורך הינט.
דריי אזוי איך זיך ארומעט
ארן באמי זיך דאס פארגעסן,
נאר מיין ווייטיק,צער און אומעט
ס'הארץ מיר פיקן,ציפן,פרעסן,
און אין נעכט ווען העל און ליכטיק
לבנה מיר אין פענצטער שיינט,
פיל איך דאן ווי גוט און וויכטיק
פאר א מענטשן ס'זיינען פריינט.
נאר איך בין עלנד און פארלאזן,
דערפאר מיין הארץ אין מיר עס וויינט.
א ווילדער וויכער ס'האט צעבלאזן
מיינע לידער,מיינע פריינט.
כ'האב זייער פיל לידער אנגעשריבן
פון גנטא,עלנד,פיין און נויט,
אין אוישוויץ זיינען זיי געבליבן,
ווי ווייב און קינד זיי זיינען טויט,
און כ'ווייס נישט ווו ס'איז זייער קבר,
ווו צו וויינען און זיי באקלאגן,
און ווען א יאר ס'וועט אריבער
צו קאנען נאך זיי קדיש זאגן,
איז מיין הארץ געהילט אין אומעט,
און פארמיר ס'לעבן איז א פלאג.
און דאריבער טרויער איך תמיד,
זאג איך קדיש יעדן טאג.



Moshe Sanek

## After the Storm

A whole year has now gone by,
Lodz, since I have left you,
And I am still on the move,
Alone, lonely and forlorn,
Uprooted, torn away
As a tree by a wind blast.
My life is madly ripped apart,
Eaten away as if by dogs.
I turn this way and then that
And make the effort to forget,
But my pain, grief, and sadness
Jab and pluck and squeeze at my heart,
And in those nights when at my window
The moon shines in radiant, bright,
I sense then how good and worthy
Having friends is for a man.
But I am alone and forlorn,
And so my heart continues crying.
A wild whirlwind has blown away
My own poems, my friends.
I wrote a great many poems down
Of the ghetto, desolation, pain and want,
In Auschwitz they all stayed,
Like wife and child they are dead.
And I know not where their grave is,
Where to weep and grieve for them,
And when a year will be over,
How to say the Kaddish for them.
Yes my heart is wrapped with sadness,
And living is a scourge,
Therefore I mourn always,
I say the Kaddish every day.

* * *

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

יוסף ראזנזאפט

# פרייד פון מענטשן מיט הארץ.

ס'איז נאך נישט געקומען די צייט צו
רעזומירן די ארבעט פון די פארשיידענע
שליחים פון איסלאנד. איבער זייער טעטי-
קייט און איבער די סבות פון זייער נישט
געטוענע ארבעט קאן מען נאך דאס לעצטע
ווארט נישט זאגן. מיר פילן אבער די גויט-
ווענדיקייט פון אונטערציען א נישט פולן
בילאנס פון די ארבעט, וועלכע ס'האבן גע-
לייסטעט די צוויי איסלענדישע הילפס
אינסטיטוציעס דזשוינט און רשויש רעליף
וועמענס פארשטייער ארבעטן שוין ביי אונדז
א לענגערן צייט.

אין די ערשטע חדשים נאך דער אזוי גע-
רופענער באפרייונג, ווען אלע פעלקער פון
דער וועלט האבן געשיקט שליחים צו זייע-
רע געפייניקטע ברידער, זיינען מיר געווען
די איינציקע ביי וועמען ס'האט זיך קיי-
נער פון אונדזערע נאענטסטע נישט באוויזן.
מיר, די אמשטארקסטן געליטענע, די אמטיפסטן
נידערגעשלאגענע האבן צוליב באקאנטע סבות
געמוזט אמלענגסטן ווארטן אויף א ברודער-
לעך ווארט און האנד.

ערשט אין 7-טן מאנאט איז אריינגעקו-
מען דער ערשטער שליח פון איסלאנד ד"ר.
טרויב פון דזשוינט. ער איז צוגעטרעטן צו
דער ארבעט נישט מיט דער מאס פון פילאנ-
טראפישע באאמטע. ער איז אריינגעדרונגען
אין אלע ווינקעלעך פון אונדזערע צרות,
קומענדיק זאגאר זייער אפט אין קאנפליקט
מיט די אינערלעכע און אויסערלעכע באהער-
דן. בלב ובנפש האט ער זיך פארטיפט אין
דער פראבלעמאטיק פון אונדזער לעבן. אין
אלע זיינע טריט האבן מיר דערפילט דאס
קלאפן פון א ווארעם חבריש הארץ.

מיט א קורצער צייט שפעטער איז געקו-
מען דער פארטרעטער פון ד"ר. טרויב, דער
היינטיקער לייטער פון דזשוינט אין דעם
ענגלישן באזאצונגס-געביט ד"ר. משה איי-
גען. זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען:
באקענט מיך מיט אלץ און אלעמען. איך בין
נישט געקומען צו אייך געבן נדבות און
איך געב אייך גארנישט. כ'וויל נאר אלס
ייד דערפילן מיין חוב און מיטארבעטן מיט
אייך. נוצט מיך אויס צו וואס איר קאנט
נאר. מיר שטעלן פעסט, אז דער ח' אייגען
האט זיינע ווערטער אין מעשים פארוואנ-
דלט. ס'איז כדי צו דערמאנען, אז ווען די
באהערדן, דער מיל. גאוו. האט פון אים פאר-
לאנגט ער זאל ווערן פארבינדונגס-אפיציר
האט ער אפן און נישט צווייטייטיק געענ-
טפערט (נישט ווי אנדערע), ער קאן דעם אמט
אננעמען נאר אלס 100% פארשטייער פון יידי-
שן צענטראל קאמיטעט פאר וועלכן וועזנט-
לעך און דעצידירנד וועלן זיין נאר יידי-
שע פראבלעמען, און נישט ווי דער מיל. גאוו.
וויל. אלס איסלענדישער אדער דזשוינט
פארשטייער. מיר וועלן נישט פארגעסן די
האלטונג פון די חח' טרויב און אייגען
בשעת דעם באזוך פון ה' העריסאן און ד"ר.
שוואַרץ, וועלכע זיינען געקומען צו אונדז
אין שליחות פון פרעזידענט טרומאן אום צו
באקאנען זיך מיט דער לאגע פונעם שארית-
הפליטה אויפן ארט. מיר באצייכענען זיי אלס
נאציאנאלע, שטאלצע יידן און אויך גוטע
חברים. ביי דער ארגאניזאציאנס ארבעט און
אין די פארהאנדלונגען פונעם ערשטן יידיש[ן]
העפטלינגס קאנגרעס האבן די דערמאנטע צווי
חברים צום דערפאלג פיל בייגעשטייערט.

ס'איז אונבאשרייבלעך די פרייד און
רושם וואס האט ארויסגערופן דער ערשטער
טראנספארט פארפלעגונג (פוטער, אייער, קעז,
מאמעלאדע, לאקשן און מילך), מעדיקאמענטן
און וואש-ארטיקלען, וועלכע זיינען פאר-
טיילט געווארן אין די גאנצע ענגלישע זאנ[ע].
מיר מוזן דערמאנען, אז די פונאנדערטיילונ[ג]
פון די ערשט דערמאנטע ארטיקלען זיינען
אדורכגעפירט געווארן דורכן צ.ק. די חברי[ם]
פון דזשוינט האבן נישט געוואלט זיין דער-
ביי, כדי די הילפס אקציע זאל נישט טראגן
דעם כאראקטער פון נדבה. אין דער מעדיצינ[י]-
שע אפטיילונג פון צ.ק. זיצט דער ח' ד"ר
גערסאן פון דזשוינט, וועלכער טוט אלץ או[ן]
הילף צו טראגן דעם יידישן קראנקן.ביים
פארבונדן העפטלינגע מיט זייערע קרובים אי[ן]
איסלאנד, ביי דער ארבעט אין דער קינדער
היים און שולע, ביים פלעגן די זויגלינגע
זענען מיר יוסף וואלהענדלער, אדריען, שארל[א]-
טע ראזנבלום. זיי שטייען אלע אויף דער הו[י]-
הויך פון זייערע אויפגאבן.

אויך דער דזשויש רעליף מיט די חברים
יעקב בראס, סידי רורקא, לאה האריס, הארי
גאלדריטש, סידניי קאהן, וואלף שעראצקי, יהו-
דית לאמזער, רות קאהען, קארנעללי און בער-
טא ווייננגרין ברענגען אריין פיל ווארעמ-
קייט און הארציקייט אין אונדזער סביבה.
וועגן זייער טעטיקייט מוזן מיר באזונדע[ר]
שרייבן. וועגן דער ארבעט פונעם רעליף מי[ט]
ד"ר. לערנארד קאהען און מיסיס העגריקעס
אין דער שפיץ און זייער אקטיוויטעט אוי[ס]-
צענטראלן מאסשטאב וועלן מיר אויספירלעך
ברענגען אין נאענטסטן נומער. אויך וועגן
הרב ווילענסקי ווערט קומען א באזונדערע
אפשאצונג. מיט זייער איבערגעגעבנקייט פא[ר]
דער זאך פון יידישן העפטלינג האבן דער-
ווארבן אונדזער סימפאטיע רעוו. גרינבוים
און ספעציעל הרב גאלדפינגער.

די שווערע אויפגאבע, וועלכע איז געווע[ן]
זן פארבונדן מיטן טראנספארט פון איבער
10 סוידנט קראנקע און שוואכע יידן נאך
שוועדן, און דער אופן ווי אזוי דער טראנס-
פארט איז אדורכגעפירט געווארן, האט פאר-
וורפסלאז געלעזט דער ח' יעקב נוימאן פון
אמעריקע מיט פיל יידישע איבערגעגעבנקייט
און הארץ. אין צ.ק. ליגן הונדערטע דאנק-
בריוו פון קראנקע פון שוועדן פארן ח'
נוימאן. זיין זיסע יידישע שפראך און פא-
טערלעכע באציונג האט נישט ווייניקער גע-
שטארקט דעם קראנקן ווי די מעדיצינישע
הילף.

א הארציקן דאנק דעם ח' יעקב נוימאן
אלס ייד און חבר.

Joseph Rosensaft

## Joy From People With Heart

The time has not yet arrived for reviewing the work of the various emissaries from abroad. The last word cannot be said yet about their activities and the reasons for the work still not done. But we feel the need to draw up a not quite complete accounting of the work accomplished by the two foreign aid agencies, JOINT and Jewish Relief, whose representatives have been at work with us for some time.

In the first months after the so-called liberation, when all the nations of the world sent emissaries to their tortured brothers, we were the only ones whose nearest did not appear. For well-known reasons we, the worst suffering, the most deeply despondent, had to wait longest for brotherly words and help.

Only in the 7th month did the first emissary from abroad come to us, Dr. Traub of the JOINT. He got to work not in the manner of officials from philanthropies. He entered into every cranny of our troubles, very often coming into conflict with the internal and external authorities. He delved deeply, heart and soul, into the complexities of our life. We sensed in his every step the beating of a friend's sympathetic heart.

A short time later came Dr. Traub's successor, the present director of the JOINT in the British occupation zone, Dr. Moshe Eigen. His first words were: introduce me to everything and everyone. I haven't come to give you charity, and I give you nothing. I only want to honour my debt as a Jew and to work with you. Make use of me in whatever way you can. We can attest that Dr. Eisen turned his words into deeds. It is worth recalling that when the (camp) authority, the military governor, asked him to be the liaison officer, he openly and unambiguously answered (not as others did) that he could accept the office only as the 100% representative of the Jewish Central Committee, for whom only the Jewish problems will be significant and definitive, and not as the military governor would want, as an outsider or JOINT representative. We cannot forget the stance of friends Traub and Eisen during the visit of Mr. Harrison and Dr, Schwartz, who came as emissaries of president Truman, to acquaint themselves with the situation of the surviving remnant on the spot. We distinguish them as national, proud Jews and also good friends. During the organizational work and negotiations for the first Heflings Congress they contributed a great deal to its success.

It's indescribable, the joy and deep impression made by the first food aid transport (butter, eggs, cheese, marmalade, noodles and milk), medicines and bathing things, which were distributed in the whole British zone. We must mention that the distribution of these articles was carried out by the Central Committee. Our friends from JOINT did not want to be there lest the aid take on the appearance of charity. In the medical division of the Central Committee is our friend Dr. Gerson of the JOINT, who does everything to bring help to the Jewish sick. Connecting heftlings with relatives abroad, working in the children's home and the school, caring for the infants – we see Joseph Wolhendler, Adrienne, Carlotta Rosenblum: they all stand at the heights of their tasks.

Also Jewish Relief with friends Jacob Brass, Sadie Rurka, Leah Harris, Harry Goldrich, Sidney Cohen, Wolf Sheratzky, Judith Lamsier, Ruth Cohen, Cornelli and Berta Weingrin bring much warmth and sincerity into our midst. We must write separately about their activity. In the next issue we will look in detail at the work of the (Jewish) Relief, led by Dr. Leonard Cohen and Mrs. Henriques, and at their activity on a central scale. We will also have a separate appraisal for rabbi Wilensky. For their devotion to the interest of the Jewish heftling reverend Greenbaum and especially rabbi Goldfinger have earned our sympathy.

The difficult task connected to the transport of over 10,000 sick and exhausted Jews to Sweden, and the way the move was accomplished was faultlessly resolved by our friend Jacob Neumann, who is from America, with much Jewish dedication and heart. The Central Committee has hundreds of letters from the sick in Sweden for Mr. Neumann. His sweet Yiddish language and fatherly attitude did no less to strengthen the sick than medical help.

A heartfelt thanks to Mr. Jacob Neumann, as a Jew and a friend.

*　　　*　　　*

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

# „UNZER SZTYME"

## (OUR VOICE)

Publisher: **The Central Jewish Committee**
**Bergen-Belsen**

Editorial Staff: **Rafael Olevski**
**David Rosental**
**Paul Trepman**

BPJ JPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE

# "UNZER SZTIME"
## (OUR VOICE)

Publisher: The Central Jewish Committee
Bergen-Belsen

Editorial Staff: Rafael Olevski
David Rosental
Paul Trepman

*Translated by Aaron Krishtalka*
*Courtesy Paul Trepman Fonds, Jewish Public Library Archives, Montreal*

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE